בס"ד

גליון 37

דעם רבינ'ס

# מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות

## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# המעשה עם הבחינות

## בלשה"ק ובאידיש

# מַעֲשֶׂה י"ג

## מ"שִׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס" - "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס" (8)

**רֶמָזֵי הַמַעְשִׂיוֹת**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה יג - מְ'הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְ'ס'
# שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

זֹאת הַמַּעֲשֶׂה קָשֶׁה לִי מְאֹד לְסַפֵּר. אַךְ מֵאַחַר שֶׁהִתְחַלְתִּי לְסַפְּרָהּ, אֲנִי מֻכְרָח לְגָמְרָהּ.

בְּזֹאת הַמַּעֲשֶׂה, אֵין שׁוּם תֵּבָה שֶׁלֹּא יִהְיֶה בָּהּ כַּוָּנָה. וּמִי שֶׁבָּקִי בִּסְפָרִים יוּכַל לְהָבִין קְצָת רְמָזִים.

וְהִנֵּה, עִנְיַן הַחִצִּים הַנַּ"ל, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ בְּהַיָּדַיִם לְהַחֲזִיר הַחִצִּים כַּנַּ"ל, זֶה בְּחִינַת (דְּבָרִים לב): "וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי". וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י "בָּשָׂר וָדָם זוֹרֵק חֵץ, וְאֵינוֹ יָכוֹל לַהֲזִירָהּ, וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא זוֹרֵק חֵץ וּמַחֲזִירָהּ".

וּבְחִינַת הַצְּדָקָה הַנַּ"ל, שֶׁהִיא כְּנֶגֶד הַחוֹמוֹת שֶׁל מַיִם שֶׁהֵם גַּלֵּי הַיָּם, זֶה בְּחִינַת (יְשַׁעְיָה מח): "וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם".

וְהָרוּחַ הַנַּ"ל שֶׁיָּכוֹל לֶאֱחֹז בְּיָדָיו, זֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ל): "מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו". (שֶׁזֶּה בְּחִינַת נְגִינָה כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר) (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן נד).

וַעֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה, וַעֲשָׂרָה מִינֵי דְּפָקִין זֶה מְבֹאָר כְּבָר. (וְעַיֵּן בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא (סִימָן כד) בְּדַף ל"ב.) כָּל זֶה שָׁמַעְנוּ בְּפֵרוּשׁ. אַךְ מִי וּמָה וְאֵימַת, זֶה עָמֹק עָמֹק.

הַיְנוּ שֶׁגּוּף עִנְיַן הַמַּעֲשֶׂה, מִי הֵם כָּל הַנַּ"ל, וּמַה הוּא וְאֵימַת הָיָה כָּל הַנַּ"ל, זֶה עָמֹק מִלְּהַשִּׂיג.

גְּמַר הַמַּעֲשֶׂה, הַיְנוּ מַה שֶּׁהָיָה בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, הַיְנוּ עִנְיַן הַבֶּעטְלֶיר שֶׁהָיָה בְּלֹא רַגְלַיִם, וְגַם סִיּוּם הַתְחָלַת הַמַּעֲשֶׂה מֵעִנְיַן הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל, לֹא זָכִינוּ לְשָׁמְעָהּ. וְאָמַר שֶׁלֹּא יְסַפְּרָהּ עוֹד. וְהוּא הֶפְסֵד גָּדוֹל, כִּי לֹא נִזְכֶּה לְשָׁמְעָהּ עוֹד עַד שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

גַּם אָמַר: אִלּוּ לֹא יָדַעְתִּי שׁוּם עִנְיָן אַחֵר, כִּי אִם זֹאת הַמַּעֲשֶׂה, הָיָה גַּם־כֵּן חִדּוּשׁ גָּדוֹל מְאֹד!" כָּךְ אָמַר בְּפֵרוּשׁ.

כִּי זֹאת הַמַּעֲשֶׂה הִיא חִדּוּשׁ נִפְלָא מְאֹד. וְיֵשׁ בָּהּ מוּסָר הַרְבֵּה מְאֹד, וְתוֹרָה הַרְבֵּה. כִּי יֵשׁ בָּהּ כַּמָּה תּוֹרוֹת.

גַּם מְדַבֶּרֶת מֵהַרְבֵּה צַדִּיקִים קַדְמוֹנִים, מִדָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם. כִּי דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עָמַד בִּקְצֵה הָאָרֶץ וְצָעַק אֶל הַמַּעְיָן הַיּוֹצֵא מִן הָאֶבֶן שֶׁעַל הָהָר, כַּנַּ"ל.

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים סא): "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא, בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי".

(כָּל זֶה שָׁמַעְנוּ מִפִּיו בְּפֵרוּשׁ. וְהַמּוּבָן מִדְּבָרָיו. כִּי דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הוּא בְּחִינַת לֵב כַּמּוּבָא (עַיֵּן זֹהַר שְׁמוֹת קח). וְעָלָיו מְרֻמָּז בַּמַּעֲשֶׂה עִנְיַן הַלֵּב שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁעוֹמֵד בִּקְצֵה הָאָרֶץ כְּנֶגֶד הַמַּעְיָן, וְצוֹעֵק וּמִשְׁתּוֹקֵק אֵלָיו תָּמִיד וְכוּ'. וַעֲדַיִן הַדְּבָרִים סְתוּמִים. אַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּזְכֶּה לְהַשִּׂיג סוֹדוֹת הַמַּעֲשֶׂה).

עִנְיַן דָּוִד הַמֶּלֶךְ וְהַמִּקְרָא הַנַּ"ל מִקְצֵה הָאָרֶץ שֶׁמְּרֻמָּז בְּהַמַּעֲשֶׂה, זֶה שַׁיָּךְ לְיוֹם שְׁלִישִׁי. כִּי שָׁם מְדַבֵּר מֵעִנְיַן הַלֵּב וְהַמַּעְיָן. עַיֵּן שָׁם

וְתִרְאֶה נִפְלָאוֹת אֵיךְ בְּכָל עִנְיָן מְרֻמָּז דְּבָרִים נִפְלָאִים. וּבִגְדֻלַּת נוֹרָאוֹת מַעֲשֶׂה זוֹ אִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר כְּלָל, כִּי הִיא עוֹלָה עַל כֻּלָּם.

אַשְׁרֵי אַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּזְכֶּה אֲפִלּוּ בָּעוֹלָם הַבָּא לֵידַע בָּהּ קְצָת קְצָת. וּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ בְּקָדְקֳדוֹ, תִּסְמַרְנָה שַׂעֲרוֹת בְּשָׂרוֹ וְיָבִין קְצָת גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ וּגְדֻלַּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, כְּשֶׁיִּסְתַּכֵּל הֵיטֵב בְּמַעֲשֶׂה נוֹרָאָה הַזֹּאת. אֲשֶׁר לֹא יִשָּׁמַע כָּזֹאת.

עִנְיַן פָּסוּק מִקְצֵה הָאָרֶץ הַנַּ"ל הַשַּׁיָּךְ לְהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל יוֹם שְׁלִישִׁי כַּנַּ"ל. זֶה שָׁמַעְתִּי מְפֹרָשׁ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

עוֹד רְאֵה זֶה מָצָאתִי אַחַר־כָּךְ שֶׁרֹב דִּבְרֵי הַקַּפִּיטְל תְּהִלִּים שֶׁכָּתוּב שָׁם זֶה הַפָּסוּק, שֶׁהוּא קַפִּיטְל ס"א, רֻבּוֹ כְּכֻלּוֹ מְבֹאָר שָׁם רִמְזֵי סוֹדוֹת נִשְׂגָּבוֹת שֶׁל הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל יוֹם שְׁלִישִׁי הַנַּ"ל.

"יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ תּוֹסִיף" כוּ', כִּי הוּא צָרִיךְ תָּמִיד שֶׁיּוֹסִיפוּ לוֹ יָמִים עַל יָמָיו וְכוּ' וְכַנַּ"ל.

חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרוּהוּ. זֶהוּ אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת וְכוּ' דֶער גְרוֹיסֶיר מַאן דֶער אֶמֶתִּיר אִישׁ חֶסֶד. כִּי כָּל הַזְּמַן וְהַיָּמִים נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הָאִישׁ גָּדוֹל, שֶׁהוּא אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת וְכוּ', כַּנַּ"ל שָׁם בְּמַעֲשֶׂה הַנַּ"ל.

וְהוּא נוֹתֵן וּמוֹסִיף בְּכָל פַּעַם, יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ, שֶׁהוּא הַלֵּב הַנַּ"ל שֶׁהוּא בְּחִינַת דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ יִנְצְרוּהוּ, כִּי הוּא שׁוֹמֵר וְנוֹצֵר.

שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁמַּגִּיעַ סָמוּךְ מְאֹד שֶׁיִּסְתַּלֵּק הַיּוֹם, וְאָז הָיָה מִסְתַּלֵּק הַמַּעְיָן, וְהַלֵּב, וְכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם. אֲזַי אִישׁ חֶסֶד הָאֱמֶת נוֹצֵר וְשׁוֹמֵר זֹאת, וּבָא וְנוֹתֵן יוֹם לְהַלֵּב וְכוּ'.

וְזֶהוּ: "כֵּן אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי יוֹם יוֹם". כִּי כָּל יוֹם וָיוֹם שֶׁהוּא נוֹתֵן לוֹ, הוּא בָּא בִּזְמִירוֹת וְשִׁירוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל:

אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶלָה, כִּי כְּשֶׁהַלֵּב הַנַּ"ל צָרִיךְ לָנוּחַ בָּא צִפּוֹר גָּדוֹל וּפוֹרֵשׂ כְּנָפָיו עָלָיו וְכוּ'. וְזֶהוּ אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ וְכוּ'.

שַׁיָּךְ לְיוֹם רִאשׁוֹן, עִנְיַן הַזְּקֵנִים שֶׁהִתְפָּאֲרוּ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מַה שֶּׁהוּא זוֹכֵר, שֶׁזֶּה זוֹכֵר אֲפִלּוּ כְּשֶׁחָתְכוּ לוֹ אֶת הַטַּבּוּר וְכוּ', וְזֶה הָיָה הַזָּקֵן הַקָּטָן שֶׁבְּכֻלָּם וְכוּ'.

אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁבַּגְּמָרָא (יְרוּשַׁלְמִי) אִיתָא מֵעֵין זֶה: שֶׁשְּׁמוּאֵל הִתְפָּאֵר בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא זוֹכֵר אֶת כְּאֵב הַמִּילָה וְכוּ' עַיֵּן שָׁם.

**מִי יְפָאֵר מִי יְסַפֵּר. מִי יוּכַל לְהַעֲרִיךְ מִי יוּכַל לְשַׁעֵר אֶפֶס קָצֵה אֶחָד מֵאַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת מֵהִתְנוֹצְצוּת קְצָת רִמְזֵי פִּלְאֵי פְלָאוֹת מִסּוֹדוֹת נוֹרָאוֹת וְנִשְׂגָּבוֹת מְאֹד מְאֹד שֶׁל הַמַּעֲשֶׂה הַנּוֹרָאָה הַזֹּאת.**

**אֲשֶׁר הִיא מְלֵאָה סוֹדֵי סוֹדוֹת מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, וּמַשְׂכִּיל עַל דָּבָר יִמְצָא טוֹב הִתְנוֹצְצוּת אֵיזֶה רְמָזִים לְפִי עֶרְכּוֹ.**

# שִׂיחוֹת הָרַ"ן רעג

## שַׁיָּךְ לְהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל יוֹם הַשִּׁשִּׁי

אָמַר: טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן. כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְנַגֵּן, אַף עַל פִּי כֵן בְּבֵיתוֹ וּבֵינוֹ לְבֵין עַצְמוֹ יוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּאֵיזֶה נִגּוּן כְּפִי שֶׁיּוּכַל לְזַמֵּר אוֹתוֹ, כִּי מַעֲלַת הַנִּגּוּן אֵין לְשַׁעֵר.

וּכְבָר מְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל, כַּמָּה תּוֹרוֹת גְּבוֹהוֹת מֵעִנְיַן נִגּוּן. וְעַיֵּן בְּסוֹף הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס שָׁם מְרֻמָּז קְצָת מַעֲלַת הַנִּגּוּן.

כִּי מְבֹאָר שָׁם: שֶׁעִקַּר רְפוּאַת הַבַּת מַלְכָּה שֶׁנָּפְלָה חַלָּשׁוּת, הוּא עַל יְדֵי 'נִגּוּן', הַיְנוּ עַל יְדֵי 'עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה', כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם, עַיֵּן שָׁם. וְהָבֵן מְאֹד עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים.

**כִּי גַּם הַנְּשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, הִיא נִקְרֵאת 'בַּת מֶלֶךְ', כַּיָּדוּעַ.** וְהִיא מֻנַּחַת בְּמָקוֹם שֶׁמֻּנַּחַת אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, עֲיֵפָה וִיגֵעָה וַחֲלוּשָׁה בַּעֲווֹנוֹתֶיהָ, שֶׁהֵם הָ'עֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים', שֶׁזָּרַק וְיָרָה בָּהּ הַמֶּלֶךְ שֶׁתְּפָסָהּ, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם.

וּצְרִיכִין 'צַדִּיק בַּעַל כֹּחַ גָּדוֹל', שֶׁיּוּכַל לִכְנֹס לְתוֹךְ כָּל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁנָּפְלָה לְשָׁם, וּלְהוֹצִיא מִמֶּנָּה כָּל הָ'עֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים', וְלֵידַע כָּל הָ'עֲשָׂרָה מִינֵי דְּפִיקִין', כְּדֵי שֶׁיֵּדַע אֵיךְ צְרִיכִין לִרְפוּאָתָהּ. וּלְנַגֵּן כָּל הָ'עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה',

כִּי עִקַּר רְפוּאָתָהּ עַל יְדֵי נִגּוּן וְשִׂמְחָה. וְהָבֵן שָׁם עוֹד דְּבָרִים מִתּוֹךְ דָּבָר. וְהָעִקָּר לְהוֹצִיא מִשָּׁם עֵצוֹת טוֹבוֹת לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, כִּי "לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה" (אָבוֹת פ"א מי"ז).

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בספורי מעשיות

## מעשה י"ג (8) - מהשבעה בעטלירס (רמזי המעשה)

**א. המעשה של הז' בעטלערס היה קל לרבינו לספר?**
- ❑ קל
- ❑ קשה
- ❑ קשה מאוד

**ב. במעשה של הז' בעטלערס יש כוונה בכל תיבה או בכל ענין?**
- ❑ בכל תיבה
- ❑ בכל ענין
- ❑ בכל דף

**ג. מה רבינו לא סיפר בזה המעשה?**
- ❑ מה שהיה ביום השביעי
- ❑ סיום התחלת המעשה מהמלך שקיבל את המלוכה בחיי אביו
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ד. מה אמר רבינו "אלו לא ידעתי שום ענין, רק זאת המעשה"?**
- ❑ רבינו לא דיבר על זה
- ❑ היה ג"כ חידוש גדול
- ❑ היה ג"כ חידוש גדול מאוד

**ה. מה אמר רבינו על מעשה זו?**
- ❑ שזה חידוש
- ❑ שזה חידוש נפלא
- ❑ שזה חידוש נפלא מאוד

**ו. מה אמר רבינו שיש בזה המעשה?**
- ❑ מוסר הרבה מאוד
- ❑ תורה הרבה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ז. על איזה צדיק אמר רבינו שמרומז בהמעשה של יום השלישי ?**
- ❑ על דוד המלך
- ❑ על שלמה המלך
- ❑ על שאול המלך

**ח. באיזה ענין אמר רבינו שמרומז זה הצדיק הנ"ל?**
- ❑ המעיין
- ❑ הלב של העולם
- ❑ האיש חסד האמת

**ט. על איזה סיפור אמר רבינו שהוא עולה על כולם?**
- ❑ חכם ותם
- ❑ בעל תפילה
- ❑ שבעה בעטלערס

**י. באיזה קאפיטל בתהלים מרומז הסיפור של יום השלישי?**
- ❑ קאפיטל ס'
- ❑ קאפיטל ס"א
- ❑ קאפיטל פ"א

**יא. באיזה מילים בקאפיטל מרומז על האיש חסד האמת?**
- ❑ ימים על ימי מלך
- ❑ חסד ואמת מן ינצרוהו
- ❑ כן אזמרה שמך לעד

**יב. כמה פעמים מוזכר בכל המעשה זו "שמחה"?**
- ❑ 35
- ❑ 49
- ❑ 148

**יג. כמה סיפורים יש בספורי מעשיות?**
- ❑ 12
- ❑ 13
- ❑ 14

***יד. מה הסדר של הסיפורים?***
- ❑ *ז' בעטלערס*
- ❑ *אבידת בת מלך*
- ❑ *חכם ותם*
- ❑ *רב ובן יחיד*
- ❑ *בעל תפילה*
- ❑ *מלך ענו*
- ❑ *בן מלך שהיה מאבנים טובות*
- ❑ *החיגר*
- ❑ *מבערגער ועני*
- ❑ *מזבוב ועכביש*
- ❑ *בן מלך ובן שפחה שנתחלפו*
- ❑ *מלך שגזר שמד*
- ❑ *ממלך וקיסר*

**טו. על מי אמר רבינו שגם הוא נקרא "בת מלך"?** (עיין שיחות הר"ן רע"ג)
- ❑ על הצדיקים הגדולים
- ❑ על התלמידי חכמים
- ❑ על הנשמה הקדושה של כל אחד מישראל

**טז. מה עיקר רפואתה של הבת מלך?** (עיין שיחות הר"ן רע"ג)
- ❑ ע"י נגון
- ❑ ע"י שמחה
- ❑ ע"י נגון ושמחה

## אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו - בהצלחה גדולה

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַארֶענְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵויטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע װערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע װערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען (חוּץ בַּיים סוֹף מַעֲשֶׂה בַּיי דִי ׳רְמָזִים׳, אִיז אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְט דִי גְרֶעסֶערֶע אוּן דִי קְלֶענֶערֶע אוֹתִיּוֹת, ווי אָנְגֶעצֵייכְנְט דָארְט) [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## הֶמְשֵׁךְ פֶּרֶק ח – זֶעקְסְטְן טָאג
## – דֶער בֶּעטְלֶער אָן הֶענְט –

[רוֹב פוּן דָא אוּן וַוייטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ רוֹב פֶּרֶק י – אִיז אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ אוֹיף ׳לָשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ׳ – וַוייל רַבִּי נָתָן ז״ל הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ – אוּן נָאר דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט מִיט גְרֶעסֶערֶע אוֹתִיּוֹת, אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן וָואס רַבִּי נָתָן ז״ל הָאט דָאס יָא גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ]

**[אוֹת יא] דִי** [דָאזִיגֶע] **מַעֲשֶׂה, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְצֵיילְן – נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, מוּז אִיךְ זִי שׁוֹין אוֹיסְפִירְן!**

**אִין דֶער** [דָאזִיגֶער] **מַעֲשֶׂה, אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אֵיין וָוארְט, וָואס סְ׳זָאל דֶערִינֶען נִישְׁט זַיין אַ כַּוָּונָה. אוּן וֶוער סְ׳אִיז אַ בָּקִי אוּן גֶענִיט** [בַּאקַאנְט] **אִין סְפָרִים, קֶען עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין, עֶפֶּעס ווִינְקֶען** [רְמָזִים]**!**

**אוּן דִי** [זַאךְ פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **׳פַייל׳, וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט** [אוֹיבְן אוֹת ב]**: ״אַז עֶר קֶען פַייל צוּרִיקְצִיעֶן״! – דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק** [דְּבָרִים לב, מא]**:** [״וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי״] **וְכוּ׳!**

[אוּן אַזוֹי־ווִי רַשִׁ״י עֶרְקְלֶערְט דָארְט: ״אַז אַ בָּשָׂר־וָדָם וָואס שִׁיסְט אַ פַייל, קֶען עֶר דָאס נָאכְדֶעם נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן! – אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיסְט אַ פַייל, קֶען עֶר דָאס יָא נָאכְדֶעם צוּרִיקְצִיעֶן״]!

**אוּן דִי** [בְּחִינָה פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **׳צְדָקָה׳ – וָואס דָאס אִיז אַקֶעגְן דִי ׳מוֹיעֶרְן פוּן וַואסֶער׳** [וָואס דָאס זֶענֶען דִי ׳כְוַואלְיֶעס פוּן יַם׳ – ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת ט]! **– דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין אַ פָּסוּק** [יְשַׁעְיָה מח, יח]**: ״וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם״!**

[אוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳ווִינְט׳, וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט [אוֹיבְן אוֹת ה]: ״אַז עֶר קֶען פַארְהַאלְטְן דֶעם ׳שְׁטוּרֶעם־ווִינְט׳ מִיט דִי ׳הֶענְט׳״! – דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק [מִשְׁלֵי ל, ד]: **״מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו״! ״וֶוער הָאט אַיינְגֶעזַאמֶעלְט ׳ווִינְט׳ אִין זַיינֶע הֶענְט״!** – וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן ׳נְגִינָה׳, ווִי עֶרְקְלֶערְט אוֹיף אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ [לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן ח״א נד]]!

**אוּן דִי ׳צֶען עֶרְלֵיי דֶפִּיקִין׳, אוּן ׳צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים׳ – דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין ׳זוֹהַר׳!** [ח״ג רטו: תִּקּוּנֵי־זֹהַר ע: קה־קח – דָאס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן ח״ב תּוֹרָה כד, ״מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״].

[דִי אַלֶע פְרִיעֶרְדֶערְמַאנְטֶע רְמָזִים, הָאבְּן מִיר בְּפֵירוּשׁ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן]! – **לוּשְׁמִיר** [נָאר] **׳וֶוער׳, אוּן ׳וֶוען׳, אוּן ׳וָואס׳** [דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר טִיף]**!**

(וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעזָאגְט – כְּלוֹמַר [דִי עֶצֶם גוּף פוּן דִי מַעֲשֶׂה – דָאס הֵייסְט]: ׳וֶוער׳ [עֶס] זֶענֶען דִי אַלֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע]?! – אוּן ׳וָואס׳ אִיז דָאס?! – אוּן ׳וֶוען׳ אִיז דָאס אַלְץ גֶעוֶוען?! – דָאס קֶען מֶען נִישְׁט ווִיסְן! [סְ׳אִיז זֵייעֶר טִיף צוּ דֶערְגְרֵייכְן])!

## פֶּרֶק ט – זִיבֶּעטְן טָאג
## – דֶער בֶּעטְלֶער אָן פִּיס –

**[אוֹת א] דֶעם ׳אוֹיסְפִיר׳ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה, דְהַיְינוּ: וָואס סְ׳אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם ׳זִיבֶּעטְן־טָאג׳, מִיט דֶעם ׳בֶּעטְלֶער׳ וָואס ׳אָן־פִּיס׳ – אוּן** [אוֹיךְ] **דֶעם ׳אוֹיסְפִיר׳ פוּן דֶעם** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] **׳בֶּן־מֶלֶךְ׳, וָואס דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה – דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט!** [מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס צוּ הֶערְן]!

**אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״**[אַז] **עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין** [מֶער] **נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! – אוּן** [דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן]! – [וַוייל] **מְ׳וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט** [זוֹכֶה זַיין מֶער צוּ] **הֶערְן, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן״!**

## – פֶּרֶק י –
## רְמָזִים פוּן רַבֵּינוּ ז״ל אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה

**[אוֹת א]** (דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזָאגְט): **״אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט ווִיסְן קַיין שׁוּם** [אַנְדֶערֶע] **זַאךְ, נָאר דִי** [דָאזִיגֶע] **מַעֲשֶׂה – וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ** [זֵייעֶר] **אַ** [גְרוֹיסֶע] **ווִילְד חִידוּשׁ גֶעוֶוען!** [אַזוֹי הָאט עֶר בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט]! – **וָוארְן דִי** [דָאזִיגֶע] **מַעֲשֶׂה, אִיז אַ ווִילְד** [ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע] **חִידוּשׁ זֵייעֶר!** – [אוּן] **סְ׳אִיז אִין אִיר דָא: זֵייעֶר פִיל מוּסָר, אוּן אַסַאךְ תּוֹרָה!**

**וואָרן ס'איז אין דער** [דאָזיגער] **מַעֲשֶׂה דאָ, אַסאַך תּוֹרוֹת! - און זי שְׁמוּעֶסְט** [אוֹיךְ] **פוּן אַסאַך 'צַדִּיקִים־קַדְמוֹנִים'! - פוּן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם!**

**וואָרן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ'** [עָלָיו־הַשָּׁלוֹם] **איז גֶעשְׁטאַנֶען אין עֶק וֶועלְט, און הָאט גֶעשְׁרִיגֶן צוּ דֶעם 'קְוַואל' וָואס ס'גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם 'שְׁטֵיין', וָואס אוֹיף דֶעם 'בַּארג', כַּנַ"ל** [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, בַּיים דְרִיטְן־טָאג - פֶּרֶק ה אוֹת ג] **- אַזוֹי־וִוי אין תְּהִלִּים שְׁטֵייט** [תְּהִלִּים סא, ג]**: "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי, בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי" וְכוּ'!**

**[פוּן אַנְדֶערְן 'עֶק וֶועלְט', פוּנֶעם 'גָלוּת פְּלִשְׁתִּים' וַוייט פוּן 'אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל', רוּף אִיךְ צוּ דִיר, וֶוען מַיין 'הָאָרֶץ' אִיז פַארְוִויקֶלְט פוּן צָרוֹת - אַז דוּ זָאלְסְט מִיר פִירְן אוֹיפְן 'שְׁטֵיין' וָואס אִיז הֶעכֶער און שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר! - דָאס הֵייסְט: אַז אִיךְ זָאל בַּאזִיגְן מַיינֶע 'פַיינְט' דִי 'גִבּוֹרִים' וָואס זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר]!**

דָאס אַלֶעס הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט בְּפֵירוּשׁ פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל! - און וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אִיז: אַז 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, אִיז דִי בְּחִינָה פוּנֶעם 'הָאָרֶץ', ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט! - און אוֹיף אִים אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה [אוֹיבְּן פֶּרֶק ה אוֹת ג]: דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'הָאָרֶץ פוּן דֶער וֶועלְט', וָואס דָאס שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערְן עֶק פוּן דֶער וֶועלְט, אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', און זִי שְׁרַייט און בֶּענְקְט שְׁטֶענְדִיג וְכוּ' [אַז ס'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל'!]!

און דִי דָאזִיגֶע רֵייד - זֶענֶען נָאךְ אַלְץ פַארְהוֹילְן! - וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ מַשִּׂיג זַיין דִי סוֹדוֹת פוּן דִי מַעֲשֶׂה!

**דִי זַאךְ פוּן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ'** [און דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק: "מִקְצֵה הָאָרֶץ", וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה] **- דָאס קֶער** [בַּאלַאנְגְט] **צוּם 'דְרִיטְן־טָאג'! - וָוארְן דָארְט שְׁמוּעֶסְט** [מֶען] **פוּן דֶעם 'הָאָרֶץ', און פוּן דֶעם 'קְוַואל'!**

**[אוֹת ב] אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה', אִיז פַארְהַאנְדְן זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה', פוּן דֶעם 'אָנְהֵייבּ' בִּיז אִין 'אוֹיסְלָאז'.**

**אַלֶע** [דְרַייצְן] **מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם** [דָאזִיגְן הֵיילִיגְן] **סֵפֶר** ['סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת']**, זֶענֶען דוּרְךְ** [לוֹיטֶער] **גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה' - אִיטְלֶעכְס וָוארְט, און אִיטְלֶעכֶע זַאךְ, מֵיינְט מֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ! - און דִי** [דָאזִיגֶע] **מַעֲשֶׂה, אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע"!**

זֶעה דָארְט [אוֹיבְּן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה]! - וֶועסְטוּ זֶעהְן וואוּנְדֶער, וִויאַזוֹי אִין יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז מְרוּמָז וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן! - און אִין דֶעם גְרוֹיסְקֵייט און פָארְכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ רֶעדְן - וַוייל זִי אִיז הֶעכֶער אַלֶעס!

**אַשְׁרֵי! אַשְׁרֵי!** וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין - אֲפִילוּ אוֹיף 'יֶענֶער וֶועלְט' - צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶערִין, אֲפִילוּ אַבִּיסְל אַבִּיסְל!

און וֶוער ס'הָאט אַ מֹחַ אִין זַיין קָאפּ - וֶועט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דָאס הָאר פוּן זַיין קָאפּ! - און וֶועט אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! און דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אֱמֶתְ'עַ צַדִּיקִים! - וֶוען עֶר וֶועט גוּט קוּקְן אִינֶעם דָאזִיגְן פָארְכְטִיגְן מַעֲשֶׂה - וָואס אַזוֹינְס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן!

*

דִי זַאךְ פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק: **"מִקְצֵה הָאָרֶץ"**, וָואס בַּאלַאנְגְט צוּם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם דְרִיטְן טָאג, ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - דָאס הָאבּ אִיךְ קְלָאר גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן מוֹיל, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה!

**[אוֹת ג]** נָאךְ זֶעה! אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען: אַז רוֹב רֵייד פוּנֶעם דָאזִיגְן קַאפִּיטְל תְּהִלִּים ס"א וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט דֶעם דָאזִיגְן פָּסוּק - שְׁמוּעֶסְט דָארְט פוּן דִי רְמָזִים, פוּן דִי שְׁטַארְקֶע סוֹדוֹת פוּנֶעם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'דְרִיטְן טָאג'!

*

**"יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ תּוֹסִיף"** וְכוּ' [תְּהִלִּים סא, ז]**! "'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: זָאלְסְט פַארְמֶערְן טֶעג, אוֹיף דִי טֶעג פוּנֶעם 'קֶענִיג'"** [דָאס הֵייסְט: פַאר מִיר 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ']**!**

וַוייל עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג, אַז מְ'זָאל אִים פַארְמֶערְן טֶעג, צוּ זַיינֶע טֶעג!

[דָאס אִיז מְרֻמָּז וָואס שְׁטֵייט אוֹיבְּן בַּיים דְרִיטְן טָאג: אַז דֶער 'אֱמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד' שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הָאָרֶץ' - און דָאס 'הָאָרֶץ' שֶׁענְקְט דֶעם 'טָאג' פַאר דֶעם 'קְוַואל' - אַזוֹי הָאט שׁוֹין ווידֶער דֶער 'קְוַואל' אַ 'זְמַן' וְכוּ' וְכוּ' - ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ה אוֹת ג]!

*

**"חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ"** [תְּהִלִּים סא, ח]**! "דִי 'חֶסֶד' און 'אֱמֶת' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין אָנְגֶעגְרֵייט אִים צוּ הִיטְן"!**

דָאס אִיז [מְרַמֵז, אוֹיף] דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד'! - וַוייל גָאר דֶער 'זְמַן' אוּן דִי 'טֶעג', וֶוערְט דָאךְ אַלְץ דוּרְךְ דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', וָואס עֶר אִיז דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד'! - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִינֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה [בַּיים דְרִיטְן טָאג - פֶּרֶק ה אוֹת ד]!

אוּן 'עֶר' [דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד'] גִיבְּט אוּן פַארְמֶערְט יֶעדְן מָאל, **"יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ"! - נָאךְ 'טֶעג', אוֹיף דִי 'טֶעג פוּנֶעם קֶענִיג'!** - וָואס דָאס אִיז דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'הַארְץ' [פֶּרֶק ה אוֹת ג]! - דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן **'דָוִד־הַמֶלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם!**

[אַזוֹי וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט דָארְט בַּיים דְרִיטְן טָאג, פֶּרֶק ה אוֹת ד: אַז גָאר דָאס 'זְמַן' מִיט דִי 'טֶעג', וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם 'גְרוֹיסְן מַאן', דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד', וָואס עֶר שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הַארְץ', אוּן דָאס 'הַארְץ' שֶׁענְקְט דָאס פַארְן 'קְוַואל']!

אוּן דָאס הֵייסְט: **"יִנְצְרֵהוּ"! "עֶר הִיט אִים אָפּ"!** - וַוייל עֶר הִיט דָאס אָפּ, אַז בַּאלְד וִוי סְ'קוּמְט דֶער 'טָאג' גָאר צוּם סוֹף, נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן [אוּן דַאן וֶועט דֶער 'קְוַואל' שׁוֹין קַיין 'טָאג' נִישְׁט הָאבְּן], בְּמֵילָא וֶועט דֶער 'קְוַואל' אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דָאס 'הַארְץ', אוּן דֶער 'גַאנְצֶער וֶועלְט' [וֶועט] חַס־וְשָׁלוֹם [חָרוּב וֶוערְן]! - דַאן טוּט דָאס דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד' אָפְּהִיטְן אוּן אַכְט גֶעבְּן דֶערוֹיף, אוּן עֶר שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הַארְצְן' וְכוּ' וְכוּ' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - פֶּרֶק ה אוֹת ג־ד]!

*

אוּן דָאס זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק [תְּהִלִּים סא, ט]: **"כֵּן אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי יוֹם יוֹם"! "אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן אֵייבִּיג דַיין נָאמֶען, וֶוען אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן מַיינֶע נְדָרִים יֶעדְן טָאג"!**

וַוייל יֶעדְן 'טָאג' אוּן 'טָאג' וָואס עֶר גִיבְּט אִים [וָואס דֶער 'אֶמֶתְ'ר אִישׁ־חֶסֶד' שֶׁענְקְט פַארְן 'הַארְץ'] - קוּמְט אָן מִיט 'לִידֶער' אוּן 'שִׁירִים' וְכוּ' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט [פֶּרֶק ה אוֹת ג־ד]!

*

**"אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶלָה"** [תְּהִלִּים סא, ה]**! "אִיךְ זָאל אֵייבִּיג זַיין בַּאשִׁיצְט, אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישׁ פוּן דַיינֶע פְלִיגְל"!**

וַוייל וֶוען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער 'הַארְץ' בַּאדַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן [זִיךְ אָפְּסַאפְּן־אָפְּכַאפְּן פוּן אִיר שְׁוַואכְקֵייט] - דַאן קוּמְט אַ 'גְרוֹיסֶער פוֹיגְל', אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט זַיינֶע 'פְלִיגְל' אוֹיף אִים [אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּנֶעם זוּן וְכוּ' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ה אוֹת ג]! - אוּן דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: **"אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶלָה"!**

## [אוֹת ד] דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם 'עֶרְשְׁטְן טָאג' [דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער]! [בַּיי] **דִי זַאךְ פוּן דִי 'זְקֵנִים'** [פֶּרֶק ג אוֹת ב־ג], **וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט, וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט אַלְץ** [אַ עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן זָקֵן]! - **אַז דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, אַז מְ'הָאט אִים 'אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל' וְכוּ'! אוּן דֶער 'דָאזִיגֶער זָקֵן' אִיז גֶעוֶוען דֶער יוּנְגְסְטֶער פוּן צְוִוישְׁן זֵיי וְכוּ'!** - אוֹיף דֶעם הָאט רַבֵּינוּ זַ"ל גֶעזָאגְט: אַז אִין 'יְרוּשַׁלְמִי' [כְּתֻבּוֹת פ"ה ה"ו] שְׁטֵייט אַזַא עֶנְלִיכֶע זַאךְ: **"אַז 'שְׁמוּאֵל' הָאט זִיךְ בַּארִימְט: אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ וְכוּ'"!** (דָאס אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', הִלְכוֹת תְּפִלִּין, הֲלָכָה ה, בַּיים סוֹף).

## [אוֹת ה] וֶוער קֶען לוֹיבְּן?! וֶוער קֶען דֶערְצֵיילְן?! וֶוער קֶען אָפְּשַׁאצְן?!

אֲפִילוּ נָאר אַ טֵייל, אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְטֶער־טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער, פוּן אַ קְלֵיינֶעם שַׁייךְ, פוּן דִי 'וואוּנְדֶערְלִיכֶע־וואוּנְדֶערְלִיכֶע רְמָזִים' פוּן דִי 'זֵייעֶר־זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע פָארְכְטִיגֶע סוֹדוֹת', פוּנֶעם דָאזִיגְן פָארְכְטִיגְן מַעֲשֶׂה - וָואס זִי אִיז פִיל מִיט סוֹדֵי־סוֹדוֹת, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף!

**וּ"מַשְׂכִּיל עַל דָבָר יִמְצָא טוֹב"** [מִשְׁלֵי טז, כ]**! "אוּן דֶער וָואס קְלִיגְט מִיט זַיין שֵׂכֶל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט גֶעפִינֶען גוּטְס"!** - עֶר וֶועט גֶעפִינֶען אַ 'הִתְנוֹצְצוּת', אַ 'שַׁייךְ', פוּן 'עֶפֶּעס רְמָזִים', לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער!

## [הוֹסָפָה צוּם זֶעקְסְטְן טָאג - פוּן 'שִׂיחוֹת־הָרַ"ן' סִימָן רעג]

רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט: **עֶס אִיז אַ גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט עֶפֶּעס אַ נִיגוּן!** - וַוייל אַ 'נִיגוּן', אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע זַאךְ! אוּן סְ'הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ צוּ דֶערְוֶועקְן אוּן צוּצִיעֶן דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! - אוּן אֲפִילוּ וֶוער סְ'קֶען נִישְׁט זִינְגֶען - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ! בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶר אִיז צְוִוישְׁן זִיךְ אַלֵיין, קֶען עֶר זִיךְ דַאן אוֹיפְלֶעבְּן מִיט עֶפֶּעס אַ נִיגוּן - וִויאַזוֹי עֶר קֶען דָאס נָאר זִינְגֶען! - וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן אַ 'נִיגוּן', קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן!

אוּן סְ'אִיז שׁוֹין פוּן לַאנְג עֶרְקְלֶערְט אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, עֶטְלִיכֶע הוֹיכֶע תּוֹרוֹת פוּן דִי זַאךְ פוּן אַ 'נִיגוּן'! - **אוּן זֶעה בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס'** (בַּיים זֶעקְסְטְן טָאג)**, דָארְט אִיז אַבִּיסְל מְרוּמָז דִי מַעֲלָה פוּן אַ 'נִיגוּן'!** - וַוייל דָארְט אִיז עֶרְקְלֶערְט: "אַז דֶער עִיקָר רְפוּאָה פוּנֶעם 'בַּת־מַלְכָּה' וָואס אִיז גֶעפַאלְן חֲלָשׁוּת, אִיז דוּרְךְ אַ 'נִיגוּן'! דָאס הֵייסְט: דוּרְךְ דִי 'צֶען עֶרְלֵיי נְגִינָה'! - זֶעה דָארְט! אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט וִוי וַוייט דִי זַאךְ דֶערְלַאנְגְט!

וַוייל אוֹיךְ דִי 'הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה' פוּן יֶעדְן אִיד, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בַּת־מֶלֶךְ', וִוי בַּאוואוּסְט (זֶעה דִי הַקְדָמָה פוּן רַבִּי נָתָן זַ"ל צוּם סֵפֶר 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת'), אוּן זִי לִיגְט דָארְט וואוּ זִי לִיגְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם! מִיד אוּן פַארְפְּלָאגְט אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דוּרְךְ אִירֶע 'עֲבֵירוֹת', דָאס זֶענֶען דִי 'צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן' וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אִיר, אוּן הָאט אִיר גֶעכַאפְּט! וִוי עֶרְקְלֶערְט דָארְט!

אוּן מְ'דַארְף הָאבְּן אַ 'צַדִיק' אַ 'גְרוֹיסְן בַּעַל־כֹּחַ', וָואס קֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער וָואס זִי אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן אִיר דִי אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן'! אוּן וִויסְן אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי דְפִיקִין'! כְּדֵי עֶר זָאל וִויסְן וִויאַזוֹי אִיר אוֹיסְצוּהֵיילְן! אוּן צוּ זִינְגֶען אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי נְגִינָה'! - וַוייל אִיר עִיקָר 'רְפוּאָה', אִיז דוּרְךְ 'נִיגוּן' אוּן 'שִׂמְחָה'! - אוּן פַארְשְׁטֵיי דָארְט נָאךְ זַאכְן! - אוּן דֶער עִיקָר אִיז: אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דָארְט 'גוּטֶע עֵצוֹת', אוֹיף זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, "וַוייל "לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר, אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה" (אָבוֹת פ"א מי"ז)! "דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דָאס 'לֶערְנֶען'! נָאר דִי 'מַעֲשֶׂה' וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן"!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________

טעלפון ______________

שטאט ______________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די דרייצנטע מעשה (8) - פון די זיבן בעטלירס (רמזי המעשיות)

**א. איז געווען גרינג פאר'ן רבי'ן צו דערציילן די מעשה פון די זיבן בעטלערס?**

- ❑ גרינג
- ❑ שווער
- ❑ זייער שווער

**ב. איז אין די מעשה דא א כוונה אין יעדע ווארט אדער נאר אין יעדע ענין?**

- ❑ אין יעדע ווארט
- ❑ אין יעדע ענין
- ❑ אין יעדע בלאט

**ג. וואס פון די מעשה האט דער רבי נישט דערציילט?**

- ❑ וואס ס'איז געווען די זיבעטע טאג
- ❑ וואס איז געווארן מיט דער בן מלך וואס מ'האט אים איבערגעגעבן די מלוכה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט דער רבי אויב וואלט ער נאר געוואוסט די מעשה?**

- ❑ ער האט נישט גערעדט פון דעם
- ❑ וואלט איך אויך געווען א חידוש
- ❑ וואלט איך אויך א ווילד חידוש געווען

**ה. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשה?**

- ❑ אז ס'איז א חידוש
- ❑ אז ס'איז א ווילד חידוש
- ❑ אז ס'איז זייער א ווילד חידוש

**ו. וואס זאגט דער רבי אז ס'איז דא אין די מעשה?**

- ❑ אסאך תורות
- ❑ זייער פיל מוסר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וועלכע צדיק האט דער רבי געזאגט אז ער איז מרומז אין דער דריטער טאג?**

- ❑ דוד המלך ע"ה
- ❑ שלמה המלך ע"ה
- ❑ שאול המלך ע"ה

**ח. מיט וועלכע זאך זאגט דער רבי אז ער איז מרמז אויף דעם צדיק?**

- ❑ די קוואל
- ❑ די הארץ פון דער וועלט
- ❑ דער אמת'ר איש חסד

**ט. אויף וועלכע מעשה זאגט דער רבי אז ס'איז גרעסער פון אלע מעשיות וואס ער האט דערציילט?**

- ❑ די מעשה פון חכם ותם
- ❑ די מעשה פון בעל תפלה
- ❑ די מעשה פון די זיבן בעטלערס

**י. בונוס: אין וועלכע קאפיטל פון תהלים איז מרומז סודות פון די מעשה?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ אין קאפיטל ס׳
- ❑ אין קאפיטל ס"א
- ❑ אין קאפיטל פ"א

**יא. בונוס: אין וועלכע ווערטער איז מרומז דער אמת'ר איש חסד?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ ימים על ימי מלך
- ❑ חסד ואמת מן ינצרהו
- ❑ כן אזמרה שמך לעד

**יב. וויפיל מאל איז דא די ווארט שמחה \ פרייליך וכד' אין די מעשה?**

- ❑ 40
- ❑ 49
- ❑ 148

**יג. וויפיל מעשיות איז דא אין סיפורי מעשיות?**

- ❑ 12
- ❑ 13
- ❑ 14

**יד. וואס איז דער סדר פון די מעשיות?**

- ❑ זיבן בעלטלערס
- ❑ אבידת בת מלך
- ❑ חכם ותם
- ❑ רב ובן יחיד
- ❑ בעל תפילה
- ❑ מלך ענו
- ❑ בן מלך שהיה מאבנים טובות
- ❑ החיגר
- ❑ מבערגער ועני
- ❑ מזבוב ועכביש
- ❑ בן מלך ובן שפחה שנתחלפו
- ❑ מלך שגזר שמד
- ❑ ממלך וקיסר

**טו. בונוס: אויף וועמען זאגט דער רבי אז ער ווערט אויך אנגערופן בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ די גרויסע צדיקים
- ❑ די תלמידי חכמים
- ❑ די הייליגע נשמה פון יעדן איד

**טז. בונוס: דורך וואס איז דער עיקר רפואה פון די בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ דורך נגינה
- ❑ דורך שמחה
- ❑ דורך נגינה און שמחה

## אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו - מיט פיל הצלחה

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.